בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

## קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאְרְשֶׁעמֶען סְפָרִים

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

מעשה 14

אִיר ווִילְט אִיךְ זָאל אַייךְ דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק? אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן, וָואלְט אִיר אִים אַלֵיין גֶענוּמֶען אוּן אִים גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנְטֶערְן בֶּענְקְל – וָואלְט עֶר גֶעשְׁוִויגְן אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, ווַייל דֶער צַדִיק אִיז אַן עָנָיו אוּן זֵייעֶר קְלֵיינְטְשִׁיג בַּיי זִיךְ.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאְרְשֶׁעמֶען קַיין סְפָרִים, אוּן נָאךְ אַ זַאךְ לֶערְנֶען מִיר זִיךְ; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, ווִי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן ווִי פַאְרְשֶׁעמְט זֵיי זֶענֶען, ווִי מֶען ווַארְפְט זֵייעֶרֶע סְפָרִים אוֹיף דֶער עֶרְד.

מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אוּן אוֹיף זֵייעֶר סְפָרִים.

צו הערן די מעשה דערציילט דורך דער ראש ישיבה שליט"א אין 'קול ברסלב'

טלפון: 079-70-400-66 שלוחה - 1.5.2.1

## קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען סְפָרִים

אַ סֵפֶר אוֹיף דֶער עֶרְד? וָואס אִיז מִיט אַייךְ? אִיר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט? אִיר לֵייגְט אַ סֵפֶר וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה און קְדוּשָׁה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּנֶעם בֶּענְקְל? וָואס גֵייט דָא פָאר?!

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט וָואס דֶער רָב דָארְט אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְדִים אוֹיף חֲסִידִים, דֶער רָב הָאט גֶעוִויזְן פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא ווִי עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנְטֶער דִי בֶּענְקְל, אַז דִי בֶּענְקְל זָאל זִיךְ נִישְׁט שָׁאקְלֶען, עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא אוֹיב עֶר קֶען אִים דֶערְצֵיילְן וֶועגְן דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּן דֶעם סֵפֶר.



דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט פַאר דֶעם רָב, דֶער מִתְנַגֵד: "אַ סֵפֶר אוֹיף דֶער עֶרְד? וָואס אִיז מִיט אַייךְ? אִיר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט? אִיר לֵייגְט אַ סֵפֶר אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּנֶעם בֶּענְקְל? וָואס גֵייט דָא פָאר?!"